# קהלינו
## צאנז קלויזענבורג

בס"ד | גליון ס"ח | עקב | תשפ"א




כהוראת רבינו שליט"א: **אין לעיין בבטאון בזמן התפילה**

# מבאר רבותינו

## ליקוטים נפלאים מדברי רבותינו הק׳ על פרשת השבוע

**ושמרת את מצות ה׳ אלקיך ללכת בדרכיו וליראה אותו (דברים ח ו).**

**הנה** כתב הרב הקדוש בספר תולדות יעקב יוסף (בפרשתן) בשם הבעל שם טוב שגם בענוה מן הצורך למדה בינונית, שרוב ענותנותו של אדם גורם שיתרחק מעבודת השם יתברך, שמצד שפלותו אינו מאמין כי האדם גורם על ידי תפילתו ותורתו שפע אל כל העולמות וגם המלאכים ניזונין על ידי תורתו ותפילתו, שאילו היה מאמין זה, כמה היה עובד ה׳ בשמחה וביראה מרוב כל והיה נזהר בכל אות ותנועה ומלה לאומרה כדקא יאות וכו׳, כי האדם על ידי מעשיו הטובים הוא דבוק בו יתברך ממש, וכמו שכתוב והלכת בדרכיו, עכ״ל.

ומזה תבין ותדע שהענין כן הוא בכל המצות, כשלא יאמין שהמצות הן הליכה בדרכיו יתברך מחמת רוב שפלותו בעיניו, לא יאמין שהוא יגרום איזה דבר בגבהי מרומים, הנה לא יעשה המצות כתיקונן בשמחה ובטוב לבב. והנה יש חשש בהתבונן האדם כל זה יבא מזה לגיאות ח״ו בחושבו שמעשיו הם גדולים בערך מאוד בכמות ואיכות, וסגולה לזה היראה הוא הבושה להתבושש מגדולתו ית״ש, ויחשוב שהוא מצד עצמו אינו ראוי לזה כי הוא יתוש שפל מלא עון ומרמה אך השם יתברך ברוב רחמיו נתן בידו זה הכח והממשלה, ונמצא בשתים יתחתן במלך הכבוד בעת עשיית מצותיו, בהתבונן בהליכה בדרכיו וביראתו ית״ש. ומעתה תבין רוח ה׳ אשר דבר ברעיא מהימנא **ושמרת את מצות ה׳ אלקיך ללכת בדרכיו, וליראה אותו**, דתרווייהו מיצריך צריכי לעשות מצותיו ית״ש.

(אגרא דכלה בפרשתן)

**והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם ושמר ה׳ אלקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך (דברים ז יב).**

**על פי** מה שאמרו (ירושלמי שבת א ג) ׳מה שעשתה חכמה עטרה כו׳ עשתה ענוה עקב לסנדלותה׳. והפירוש פשוט שהענוה היא המקור והשורש של כל דבר קדושה והיא המקיים הכל ולכך נקראת בלשון עקב כמו הרגל שהוא הקיום שהגוף עומד עליו, נמצא שבכל דבר שאדם עושה צריך להיות שתהיה בעובדא ההיא הענוה. וזהו

**והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה** פירוש בכל המשפטים האלה תראו להשרות בתוכם העקב היא הענווה, **ושמרתם ועשיתם אותם** פירוש בכל מצוה תפעלו ב׳ דברים, האחד עשיית המצוה במעשה, והב׳ המחשבה הטהורה בה והיא הענווה, והמחשבה נקרא בלשון שמירה ששומר הדבר בתוכו, וזהו **ושמרתם ועשיתם אותם** רמז על ב׳ דברים הנזכרים לעיל.

(נועם אלימלך בפרשתן)

**ועתה ישראל מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה את ה׳ אלקיך ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו ולעבד את ה׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך (דברים י יב).**

**פרכינן** בגמרא (ברכות לג ב) אטו יראה מלתא זוטרתא הוא, ומשני אין, לגבי משה מלתא זוטרתא הוא. ומקשים המפורשים הלא לישראל אמר משה זאת. ונראה לתרץ, כי הנה איתא בפסוק (שמות א כא) ויהי כי יראו המילדות את האלקים ויעש להם בתים, ופירש רש״י בתי כהונה ולויה ומלכות, נמצא שנולד משה בשכר יראה ומשה היה עניו מאד מכל אדם, נמצא כשמשה הסתכל על עצמו שהוא נולד בשכר יראה והוא היה שפל בעיניו מאד נמצא מוכח שהיראה הוא דבר קטן. וזהו פירוש אין לגבי משה, שהוא היה מסתכל על עצמו שהוא נולד בשכר היראה, נמצא מלתא זוטרתא הוא.

(קדושת לוי בפרשתן)



**והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם ושמר ה׳ אלקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך (דברים ז יב).**

**איתא** בחובת הלבבות ׳מדת החסידים והפרושים הפרוש צהלתו בפניו ואבלתו בלבו׳, דהיינו מדריגת קדושי עליונים שהם דבקים באין סוף והם בשמחה גדולה כי אין עצבות לפני המקום עוז וחדוה במקומו, אבל בפנים לבו נשבר על שנים עשר קרעים מלא תשובה ויראת שמים. והנה הצדיקים כאלו יכולים לבטל כל הגזירות והדינים משוטרים שלמעלה ויכולים להמתיק הדינים בשרש. ומשם בארה פירוש הפסוק **והיה עקב תשמעון**, והיה הוא לשון שמחה ועקב הוא לשון ענוה ושפלות, דהיינו מדריגות הצדיקים גדולים כנזכר לעיל שמחה וחדוה בפניו ויראה ותשובה בלבו, קאמר הפסוק תשמעו **את המשפטים האלה** פירוש תשמעו הוא לשון אסיפה מלשון וישמע שאול את העם כנזכר לעיל שתאספו את המשפטים האלה, **ושמרתם ועשיתם אותם** פירוש כל מקום שנאמר השמר אינו אלא לא תעשה, פירוש ושמרתם שלא יהיה הדינים, ועשיתם אותם פירוש מלשון עשיה ותיקון והמתקה שתמתיקו את הדינים בשרשם, וזה **ושמרתם ועשיתם אותם** שלא יהיה דינים כלל על ישראל ויהיה נמתקים הדינים בשרשם אמן.

(מאור ושמש בפרשתן)

**כל המצוה אשר אנכי מצוך היום תשמרון לעשות למען תחיון ורביתם ובאתם וירשתם את הארץ אשר נשבע ה׳ לאבותיכם (דברים ח א).**

**על פי** מה שפירשתי (אבות א ג) אל תהיו כעבדים על מנת לקבל דייקא, כי אז אתה עובד עצמך, אבל אם הכונה כדי שיתן השי״ת שכר ויש לו נחת רוח גדול, רשאי. ועל פי זה נראה לפרש שכר מצוה מצוה (אבות ד ב) בשינוי קצת מהמפרשים, דנראה דרצה לומר השכר של המצוה הוא עיקר המצוה, כי עיקר הנחת רוח של השי״ת הוא מנתינת השכר, כי בלא זה אם תצדק מה תתן לו (איוב לה ז), וכן עונש העבירה.

(ישמח משה בפרשתן)

המשך בעמוד הבא

# באוצר החיים

**דברי אלוקים חיי"ם מאוצרו הטוב של כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק זי"ע**

מכון דברי יציב

הרב אליהו רייכמאן - ניו יארק

## וידע כל פעול כי אתה פעלתו - על ידי עבודת בני ישראל

### מבקשים גם טובת העמים * ישראל לב העולם * כשרואים תפלת ישראל עושה פירות

**ברוך תהיה מכל העמים לא יהיה בך עקר ועקרה ובבהמתך** (ז יד).

הנה בתפלות הימים הקדושים אנו מבקשים וידע כל פעול כי אתה פעלתו ויבין כל יציר כי אתה יצרתו וכו'.

## מבקשים גם טובת העמים

ופשטות המכוון בזה דאנו חסים גם על אומות העולם ומבקשים טובתם, וכמו שבזמן בית המקדש היו מקריבים שבעים פרי החג כנגד שבעים אומות להגן עליהם מן היסורים (רש"י במדבר כט יח). וכן מצינו (ישעיה טו ה) לבי למואב יזעק, וברש"י נביאי ישראל אינם כנביאי אומות העולם, בלעם היה מבקש לעקור את ישראל על לא דבר, ונביאי ישראל מתאוננים על פורענות הבאה על האומות. מסיבה זו אנו גם מבקשים על כל יושבי תבל שיבואו על תיקונם, שיכירו וידעו בפועלם ויוצרם, ויאמרו ה' אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה.

## ישראל לב העולם

אמנם יש בזה כוונה יותר עמוקה. כי הנה מצב העולם כולו תלוי בהתנהגות בני ישראל, שהם לבא דכל עלמא (זוהר ח"ג רכא ב), דוגמת הלב שנותן דם וחיות לכל אברי הגוף, כך על ידי שישראל מתנהגים בקדושה ובטהרה שורה רוח טהרה וקדושה בעולם, עד שגם הגויים מתנהגים כשורה ומקיימים שבע מצוות שנצטוו עליהם.

וכשם שאדם שלקה בלבו ל"ע כל גופו אינו פועל כראוי, כך בזמן שישראל חוטאים הגויים יורדים ביותר לנהוג אורח חיים של פריצות והפקרות באופן נורא, כפי שרואים בעוה"ר בדורנו אנו, שמיום שנברא העולם לא היו כל כך מקרי שוד ורצח עד שחיי אדם נעשו הפקר רח"ל, וזאת בגלל שאצל עם ישראל ליבא דעלמא יש מינות ואפיקורסות ואינם מרחמים על אחרים, ונמשך הדבר לאומות העולם בצורה יותר גרועה.

אוי לנו מיום הדין, שעל כל אלה נצטרך ליתן דין וחשבון. כשרואים שמינות ואפקורסות גוברת בעולם, ועלבון התורה הקדושה והחרדים לדברו, עלינו לחזור בתשובה על מעשינו שגרמו לכל זאת. בשעה שאחד עובר ברחוב וקוראים אחריו דברי בוז ונאצה על ה' ותורתו, יפשפש במעשיו מתוך ידיעה שאילו היה נוהג כדבעי למהוי לא היו הגויים כל כך מופקרים וכופרים בתורת ה'.

ולכן בימים הקדושים כשאנו מקבלים עלינו עול מלכות שמים, אנו מבקשים בזכות זה גם על האומות וידע כל פעול כי אתה פעלתו וכו'.

## כשרואים תפלת ישראל עושה פירות

זה שאמר הכתוב והיה עקב תשמעון וגו', וזה לך האות **ברוך תהיה מכל העמים**, שכל העמים יברכו שם ישראל, בראותם אשר **לא יהיה בך עקר ועקרה**, כמדרשו (דב"ר ג ו) אמר הקב"ה לא תהא תפלתך עקרה אלא תהא עולה ועושה פירות, ומזה סימן שאתם עושים רצונו של מקום, ושמרתם ועשיתם אותם. כעין שאמרו ז"ל (כתובות ה א) ומעשה ידיו מגיד הרקיע הכי קאמר מעשה ידיהם של צדיקים מי מגיד הרקיע ומאי ניהו מטר, ופירש רש"י שהרקיע מעיד עליהם לבריות שהם צדיקים שמתפללין על הגשמים ומטר יורד.

וידועים הרבה עובדות מצדיקים שגויי הארצות באו לפניהם עם צרותיהם, והם המשיכו להם ישועה, ובכך נתקדש שם שמים בעולם. ויש לרמז בדברי הכתוב כאן ברוך תהיה מכל העמים לא יהיה בך עקר ועקרה, שלא תהא תפלתך עקרה, **ובבהמתך** הכוונה לאומות העולם שדומין לבהמה, דאתם קרויין אדם ולא אומות העולם (יבמות סא א), דהיינו שתפלתך עליהם גם כן יתקבל לפעול ישועות עבורם, ועל ידי כך ברוך תהיה מפי כל העמים, ויאמרו ה' אלקי ישראל מלך ומלכותו בכל משלה.

**חורש"י עקב תשכ"ה**



## מבאר רבותינו

## - המשך מעמוד קודם

**והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך** (במדבר ז יב).

**נראה** לפרש לפי מה שמביא בספה"ק עצי חיים (בפרשתן) דברי הט"ז (א ב) דיש שתי מיני התעוררות לעבודת השי"ת, תחילה מתעורר מלמטה, ואחר כך בא לו התעוררת העליון לסייע לו, ועל זה שיבח דוד עצמו שהיה במעלה כל כך שהתעוררת שלו מלמטה אינו צריך לסיוע התעוררת שלמעלה, ועל כן אמר אני מעורר השחר ואין השחר מעורר אותי, ומעלה זאת אינו אלא לדוד וכיוצא בא, עכ"ד. ובזה פירש הכתוב 'והיה עקב תשמעון', רצה לומר בעקב בסוף, היינו אחר כך כשנתעורר מעצמו, אז יבא עליכם התעוררת מלמעלה, שבכל עת תהיו דבקים בהשי"ת, עיי"ש.

**ונראה** שהגם שדברי העצי חיים זי"ע שרירין וקיימין, אבל זהו מדריגה גבוהה ביותר ורק צדיקים יכולים להיות במדריגה זו להתחיל באיתערותא דלתתא, אבל אנשים פשוטים כמונו אין בנו כח לדרגא זו של עבודת ה', וצריכים לשמוח כשהקב"ה שולח מדי פעם איתערותא דלעילא, ולנצלה כראוי וכיאה, וכמו שאמר הבעל שם טוב זי"ע על מאמר חז"ל (אבות ו ב) בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ואומרת אוי להם לבריות מעלבונה של תורה, שכל בר ישראל יש לו איזהו התעוררות פעם ביום לעבודת הבורא, וזהו מהבת קול היוצאת מהר חורב ונשמתו של האדם שומע אותה, ולכן צריכים לנצל התעוררות זו ולהתחיל לעבוד את ה', ולא ליפול ח"ו בעצבות בעת התעוררות הלזה.

**וזה דבר הכתוב והיה עקב תשמעון**, ומבואר בספרים הק' ש'עקב' הכוונה לימי עקבתא דמשיחא שיהיה זמן שפל ביותר, ואמר הכתוב שבימים ההם שיהי' **עקב תשמעון את המשפטים האלה** שההתעוררות של אנשים יהיו בעקב - בסוף, ולא יתעוררו באיתערותא דלתתא רק מהאיתערותא דלעילא, אזי אסור לאדם לבכות על המצב ולהמשיך בדרכו הרעה, רק צריך לשמוח בזה שיכול לשוב להשי"ת, ולכן כתיב והיה לשון שמחה. והוסיף לומר **ושמר ה' אלוקיך לך' את הברית** וגו' שחסד גדול יעשה השי"ת עמכם שיחשב ההתעוררות כאילו אתה התחלת תחילה.

(כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, לש"ק עקב תשע"ז)

# אוצרות חיים

**פנינים יקרים מבאר חיים נשאבים**
**מכ"ק מרן רביה"ק זי"ע**
**על פרשת השבוע**

והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך (דברים ז יב).

**הנה** יש הסבורים שכיום אי אפשר לנהל ישיבה שלמדו בה רוב רובה של היממה, וטענות סרק בפיהם איך אפשר להגביל התלמידים כמו בבית האסורים, צריך לתת להם זמן לטייל שעה או שעתיים ליתן להם רווח זמן לנוס על משכבם באמצע היום וכדומה, ואם גם ייכנסו לבית המדרש ללמוד מה טוב, אבל האמת הוא שכל כמה שהרשות תהא בידם ללכת בטלים ומבוטלים להבל ולריק הרי תפוג מהם אהבת תורה, לא כך הדבר בישיבות אשר סדרם ללמוד מהבוקר עד הערב ועד בכלל, ויגעים בתורה עד כמה שאפשר, וכל היום שיחתם ושיגם של התלמידים בתורה, ואז עוזר השי"ת וזוכים לסגולת התורה ולאהבתה.

**וזה** פירוש הכתוב, והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה, אין והיה אלא לשון שמחה, אם ברצונכם לשמוע את המשפטים האלה, עליכם להיות השמחה שתאבו לשמוע ושיהא לכם טעם בתורה לדעת מה זה ועל מה זה ולא ללכת בטל, וכאשר המוח ימלא בדעת תורה ותורתך בתוך מעי אזי אפשר להרגיש בה אהבה ומתיקות. **והיה** כאשר תהיו בשמחה, **עקב תשמעון את המשפטים האלה** שהשמחה גורמת לפתיחת לבו של אדם להבין ולהשכיל את דברי התורה, ואז יתקיים **ושמרתם** שתהיה שמורה וחקוקה על לוח לבכם שלא תשכח מכם.

(חו"ר עקב, תשל"ח)

והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך (דברים ז יב).

**יש** לבאר אומרו והיה. ונראה דהנה אמרו חז"ל (ברכות ס א) מאן דמפחד חטאה הוא דכתיב פחדו בציון חטאים, ואכן אצל צדיקי אמת ותלמידי בעל שם טוב הקדושים לא היה מושג של מורא בשר ודם, וכבחינה שנאמר לירמיה (ירמיה א יח) ואני הנה נתתיך היום לעיר מבצר ולעמוד ברזל וגו', וכן שמעתי וראיתי אצל צדיקים ישישים שלא היו יראים משום נברא שבעולם, וכ"ק אאמו"ר זי"ע שמע מזקה"ק בעל הדברי חיים זי"ע שאינו ירא רק מהבורא כל עולמים לבדו.

**בחובת** הלבבות (אהבת ה', ו) מביא מאחד מן החסידים על אחד מהיראים שמצאו ישן באחד המדברות ואמר לו האינך ירא מן האריה שאתה ישן במקום הזה, אמר לו אני בוש מאלקים שיראנו ירא זולתו עיי"ש, והיינו דמי שיודע ומאמין שיש בורא עולם אשר בידו להמית ולהחיות להוריש ולהעשיר וכדבר הכתוב (דברי הימים כט יא) לך ה' הממלכה והמתנשא לכל לראש, אין לו להתיירא אלא מהשי"ת לבדו ולבקש ממנו שיהא בעזרו, ומכיון שה' לי לא אירא מה יעשה לי אדם, ומי שירא מהברואים סימן מזה שאמונתו אינה שלימה וחסר לו יראת הבורא.

**"בעת הזאת חובת השעה היא שאיש לרעהו יאמר חזק באמונת ה', ולהתחזק בשמחה ותקוה כי קרובה ישועתי לבא, ולשמוח בכל יום שעובר על שעוזר השי"ת ואנו מתקרבים לישועת ה' בגאולה השלימה, וכמו שבני ישראל אמרו שירה על תשועת ה' עוד בהיותם על שפת הים..."**

**בעת** הזאת חובת השעה היא שאיש לרעהו יאמר חזק באמונת ה', ולהתחזק בשמחה ותקוה כי קרובה ישועתי לבא, ולשמוח בכל יום שעובר על שעוזר השי"ת ואנו מתקרבים לישועת ה' בגאולה השלימה, וכמו שבני ישראל אמרו שירה על תשועת ה' עוד בהיותם על שפת הים.

**זה** דבר הכתוב, **והיה** אין והיה אלא לשון שמחה, **עקב** בשעת עקבתא דמשיחא כשתהיה נתון למדרס ומרמס בבזיון ושפלות כי שחה לעפר נפשנו דבקה לארץ בטננו, לא תהא ידך אוחזת בעקב עשו אלא לבך יהיה מלא שמחה בבטחון על השי"ת, **תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם** שתלמוד תורה ותעשה מצוות וזולת זה לא תעשה מאומה רק תשפוך שיח לפני השי"ת שיחוס וירחם עליך, או אז **ושמר ה' אלוקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך.**

(רעד"ר עקב, תשל"ה)

והיה עקב תשמעון את המשפטים האלה ושמרתם ועשיתם אותם ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך (דברים ז יב).

**יבואר**, על פי מה שעמדו המפרשים להבין מדוע הוחמר עונשו של אדם הראשון כל כך, בעוד שלא עבר אלא על חטא אחד בלבד וכבר נאמרו בזה אלפי תירוצים לתרץ למה עבר, ואחרי כן ישב בתענית מאה ושלשים שנה ופירש מן האשה מאה ושלשים שנה והעלה זרזי תאנים על בשרו מאה ושלשים שנה (עירובין יח ב), ובכל זאת נשאר גזירת המיתה לו ולזרעו אחריו עד סוף כל הדורות.

**והביאור** בזה לפי פשוטו היא, כי הנה עיקר חומרת מעשה החטא היא באשר האדם הוא בעל שכל להבין ולדעת את מה שהוא עושה, והבחירה חפשית לפניו ללכת בדרך שאדם רוצה לילך, והוא מזדון לבו בוחר לנטות אחרי שרירות לבו הרע בשאט נפש ובמרד ובמעל לעבור את פי ה', ולזה במלאכי מעלה נאמר (איוב טו טו) הן בקדושיו לא יאמין ושמים לא זכו בעיניו, שבאם מלאך עושה איזה מעשה קלה שלא כהוגן הוא כבר נדחה מתחת כנפי השכינה, אבל האדם שהוא קרוץ מחומר ויצר סוכן בו, ובחטא יחמתהו אמו שהרי אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא ואף אדם וחוה כבר חטאו, עליו נאמר (ילקוט תהלים כה) יביא אשם ויתכפר לו ויעשה תשובה ויתכפר לו.

**ולזה** אדם הראשון שחסיד גדול היה (עירובין יח ב) ומסוף העולם ועד סופו היה (חגיגה יב א), והיה מלאכי השרת צולין לו בשר ומסננין לו יין (סנהדרין נט ב) כי היה גדול מהם וכדאשכחן (בראשית רבה ח) שטעו בו מלאכי השרת ובקשו לומר לפניו קדוש, לפיכך היה עונשו חמור ממלאך שחוטא, ולא הועילו לו כל התירוצים והתעניות דלפי חומר החטא לא היה יכול כבר לתקן.

**לכן** באחרית הימים כשיוגדל הקטרוג מאוד, אז יטעון משה רבינו דאחרי ששהו בני ישראל בגולה תשע עשרה מאות ואחד עשרי שנה פי תשע משנות גלות מצרים אי אפשר לחייבם, והלא לזכות ייחשב להם מה שעדיין קוראים את שמע פעמים בכל יום באהבה. ואמר הכתוב, **והיה עקב תשמעון**, אין והיה אלא לשון שמחה, כי בזמן שבני ישראל יהיו יורדין עד לעפר ובבחינת עקב, ואם כל זה **תשמעון את המשפטים האלה**, כשרק תאזינו למצות ה' יהא מזה שמחה גדולה בשמים ממעל.

(רעד"ר עקב, תשל"ט)

# פון רבי'ן

## פניני הדר מלוקטים כ"ק מרן רבינו



הרב אשר הכהן פרידמאן

## דב"ק בענין:
## לראות שפלות עצמו ומעלות חברינו

### אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו

די הייליגע תורה הקדושה לערנט אונז די וואך אין די סדרה (ויקרא כא א-ב), ויאמר ה' אל משה אמור אל הכהנים בני אהרן ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמיו, דער הייליגער ישמח משה (פרשתן ד"ה במדרש רבה אמור וכו') ברענגט א מדרש (ויקרא רבה כו ד) זה שאמר הכתוב (תהלים יט ג) יום ליום יביע אומר ולילה ללילה יחוה דעת. לכאורה דארף מען פארשטיין וואספארא שייכות האט די פסוק פון **יום ליום יביע אומר** צו די פסוק **אמור אל הכהנים בני אהרן** וכו', דער הייליגער ישמח משה זאגט פשט אין מדרש על פי דרכו יעו"ש. ב) אויך איז שווער די קשיא וואס דער הייליגער רש"י ברענגט (ריש פרשתן ד"ה בני אהרן) פון חז"ל (תו"כ א א) וואס איז פשט **'בני אהרן' 'הכהנים'**, מיר ווייסן דאך אז די כהנים זענען געווען די בני אהרן, רש"י ברענגט שוין א תירוץ אויף דעם, **בני אהרן ולא בנות אהרן** (תו"כ כא א-ב, סוטה כג ע"ב), און די אנדערע דרש פון **יכול חללים ת"ל הכהנים**. ג) וואס איז פשט **'ה'כהנים** בה"א הידיעה. ד) מען דארף פארשטיין דער דאפעלטער לשון **'אמור' 'ואמרת'** וואס די הייליגע חז"ל שטעלן זיך שוין אויף דעם (יבמות קיד ע"א מובא ברש"י ד"ה אמור אל הכנים).

### אפילו מרד כל ימיו ועשה תשובה באחרונה מוחלין לו

דער הייליגער דברי חיים ברענגט די וואך אין די סדרה (ד"ה בפסוק לנפש לא יטמא וכו'), שמעתי ממורי ורבי מוה' יוסלי הורוויטץ מטארניגראד - ער איז געווען א ברודער פונעם הייליגן רבי'ן פון לובלין און ער איז געווען א רבי פונעם הייליגן דברי חיים - אז די ווארט 'עמיו' איז מלשון 'גחלים עוממות' וואס מיר געפונען אין חז"ל אין די גמרא (ברכות נג ע"ב, שבת עז ע"ב, פסחים כז ע"א, ועוד), דאס טייטש קוילן וואס ווערט אויסגעברענט און עס האלט שוין ביים אויסגיין, און ער ברענגט אויף דעם א פסוק אין יחזקאל (לא ח) 'ארזים לא עממהו', דאס הייסט אז אין די קוילן איז נאך פארהאן א פינק און עס איז נאך דא אינדעם א שטיקל פייער אבער עס האלט זיך שוין ביים אויסלעשן, זאגט הרב הקדוש ר' יוסעל'ע, אפילו א איד האט חלילה געזינדיגט כל ימיו זאל ער זיך נישט מייאש זיין פון תשובה, נאר ער זאל וויסן אז מען קען אלעמאל תשובה טוהן, און דער הייליגער בורא כל עולמים וועט איהם מוחל זיין.

דאס איז די כוונת הפסוק, **ואמרת אליהם** זאלסט זאגן פאר אידישע קינדער, **לנפש לא יטמא 'בעמיו'** אפילו ווען ער איז שוין כמעט אינגאנצן אויסגעלאשן, נאך אלס **לנפש לא יטמא** זאל ער קיינמאל נישט קלערן אז ער האט שוין חלילה נישט קיין תקנה, נאר יעדע איד קען צוריק קומען צום מקור שורש מחצבתו, אפילו איינער געפונט זיך אין די נ' שערי טומאה און ער איז שוין אראפגעגאנגען צו אזא נידריגע מצב (עי' באוה"ח הק' שמות ג ח), און דער הייליגער דברי חיים איז דארט מאריך מיט די הקדמה אויף דעם פסוק.



### יסוד החסידות - פון זיך נישט צו זיין צופרידן קיינמאל און מחמיר זיין כסדר, און אויף יענעם נאר צו זעהן גוטס

האב איך געקלערט עס קען אפשר זיין, אז מען קען מיט דעם אויך צוזאגן די רישא דקראי, באמת אז עס קומען זיך צוזאמען חסידים, דארף מען וויסן וואס איז געווען די יסוד פון חסידות. וואס איז א חסיד? מיר ווייסן דאך וואס די הייליגע חז"ל זאגן (זוה"ק משפטים קיד ע"ב, פנחס רכב ע"ב) **איזהו חסיד המתחסד עם קונו**, פשט איז אז עס איז פארהאן זאכן וואס מען טוט על פי הדין, און עס איז פארהאן זאכן וואס מען טוט לפנים משורת הדין, א חסיד איז זיך מתחסד אז ער טוט זאכן וואס איז לפנים משורת הדין, ביי הייליגע צדיקים האט מען געזעהן אז אויף זיך האבן זיי אלעמאל מדקדק געווען און צוגעלייגט חומרות גדרים וסייגים, און האבן זיך בודק געווען בשבע חקירות ובדיקות, און האבן יעדן טאג מפשפש געווען במעשיהם, און קיינמאל נישט געווען צופרידן מיט זיך, און אזוי ווייטער, איך וויל נישט מאריך זיין אין דעם, אבער ווער עס ווייסט נאר א טראפ און האט אהנגערירט מפי סופרים וספרים ווייסט אז דאס איז געווען די יסוד פון חסידות און דער עמוד העבודה פון די הייליגע תלמידי בעל שם, מען האט אלעמאל נאר געזעהן נגעי עצמו און מען האט געשפירט אז מען איז קיינמאל נישט יוצא פארן הייליגן בורא כל עולמים, און אלעמאל האט מען נאר געזוכט וואס מען קען עפעס מער צולייגן אין עבודת ה', לערנען מער צייט, לערנען מער בעיון, דאווענען מיט מער כוונה, מקיים זיין מער גמילות חסדים, האבן מער שמירה ווען מען גייט אויף די גאס, מער זיך אומצוקוקן אויף חינוך הבנים, און וואס מען קען אלס מוסיף זיין גדרים וסייגים.

אבער, דאס אלעס אז מען האט מחמיר געווען און

# ס קוואל

## כה והתחזקות מדבה"ק של הגה"ק שליט"א

ניו יארק



**...ביי הייליגע צדיקים האט מען געזעהן אז אויף זיך האבן זיי אלעמאל מדקדק געווען און צוגעלייגט חומרות גדרים וסייגים, און האבן זיך בודק געווען בשבע חקירות ובדיקות, און האבן יעדן טאג מפשפש געווען במעשיהם, און קיינמאל נישט געווען צופרידן מיט זיך... אבער ווען עס איז געקומען צו א צווייטן איד האט מען נאר געזעהן ביי איהם מצוות ומעשים טובים, און מען האט נאר געזעהן וויאזוי יעדער איד איז הייליג, מען האט מלמד זכות געווען אויף אידישע קינדער...**

מען איז געווען פרום איז נאר געווען פאר זיך אליין, אבער ווען עס איז געקומען צו א צווייטן איד האט מען נאר געזעהן ביי איהם מצוות ומעשים טובים, און מען האט נאר געזעהן וויאזוי יעדער איד איז הייליג, מען האט מלמד זכות געווען אויף אידישע קינדער.

דער הייליגער בני יששכר ברענגט אזוי (תשרי מאמר ד אות ו, ובדרך פקודיך לא תעשה לב חלק המחשבה אות ה), אז טאמער א איד זעהט חלילה אן עבירה אויף א צווייטן איד, איז א סימן אז ער אליין האט אויך פוגם געווען אין די זעלבע עבירה, ווייל גארנישט פאסירט במקרה, און אז דער באשעפער האט צוגעפירט אז ער זאל דאס זעהן מוז זיין אז ער האט אויך א שטיקל שמץ פון דעם, און ער ברענגט א מורא'דיגע מעשה, אמאל האט דער הייליגער בעל שם הקדוש געזעהן חילול שבת בפרהסיא, האט דער בעל שם הקדוש מפשפש געווען במעשיו, אריינצוקלערן פארוואס האט מען איהם געוויזן חילול שבת, און בכלל וויאזוי איז מעגליך אז ער האט דאס געזעהן, האט ער זיך דערמאנט אז ער האט אמאל געהערט רעדן בזילותא דצורבא מרבנן, און א תלמיד חכם איז דאך בבחינת שבת (זוהר הק'), האט ער פארשטאנען אז לפום דרגתו אלס 'וסביביו נשערה מאד' (תהלים נ ג) אז ער האט געקענט הערן אפילו נאר עפעס וואס איז קרוב לזילותא דרבנן איז דאס שוין א פגם אין כבוד שבת, ממילא איז ער צוגעקומען אז ער האט געזעהן חילול שבת.

דער הייליגער טאטע זי"ע האט אמאל ביי א שיעור חומש רש"י (תז"מ תש"מ, שפ"ח לד"ת חי"ד עמ' קסז) געברענגט א מקור אויף דעם א תוספתא אין שבועות (פ"ג ה"ג), די תוספתא זאגט הרואה עושי מצוה זכה לראות, אז א איד איז זוכה קען ער נישט זעהן קיין שלעכטס אויף אידן, און זעהט ער נאר עושי מצוה, אבער הרואה עושי עבירה איז א סימן אז ער איז מתחייב לראות. אזוי איז אויך פארהאן א הייליגע בעל שם הקדוש אין פרשת קדושים אויף דעם (אות ו בשם ספר כתונת פסים פר' אחרי טז ע"ג, וע"ע מענין זה בבעש"ט עה"ת פר' בשלח אות ב, ובפר' נח עמוד התפלה בהגה ל) וואס זאגט לויט זיין בחינה, אז א איד קען אלעס זעהן לויט זיין התנהגות, הן וואספארא מדריגה אין רוחניות ער האלט, הן אין וועלכע עולמות ער געפונט זיך, און הן וויאזוי מען איז איהם דן אויבן אין הימל, ווייל טאמער ער זעהט אלעמאל אויף אנדערע אידן זכיות איז א סימן אז ער אליין געפונט זיך אין עולם הזכות, טאמער זעהט ער אבער שלעכטס אויף אידן, ער זעהט לחובה חלילה, דעמאלט איז א סימן אז ער אליין געפונט זיך נישט אין עולם הזכות און מען איז איהם דן לחובה. דאס איז מורא'דיגע ענינים, וואס די צדיקים הקדושים זאגן אונז, און עס איז הויכע מדריגות, און דער טאטע זי"ע האט צו דעם צוגעשטעלט די תוספתא 'הרואה עושי מצוה זכה לראות'.



### המשך בשבוע הבא אי"ה

(מתוך דב"ק במעמד קבלת פנים בביהמ"ד דחסידי בעלזא מאנסי בעת ביקור המרומם בקהילתינו הק' במאנסי, ב' אמור תשס"ב)

# קשר עליון

## של כ"ק האדמו"ר מטאש זי"ע עם כ"ק מרן רבינו הגה"ק זי"ע

### דברים יקרים, מפי סופרים וספרים, ממקורות נאמנים - לקראת יו"ד ז"ך אב הבעל"ט

| ב. ישיב |

### קשרי ידידות בעבותות האהבה

אסאך געהויבענע באזוכן און באגעגענישן איז געווען צווישן כ"ק מרן רבינו הגה"ק זי"ע און כ"ק האדמו"ר מטאהש זצוק"ל, ווי מען האט געקענט זעהן דערביי די געוואלדיגע קשרי ידידות בעבותות האהבה. רבינו זי"ע האט זייער לאנג פארברענגט מיט אים, מער ווי מיט א צווייטן.

יעדעס מאל עס איז נאר אויסגעקומען פאר האדמו"ר מטאהש צו באזוכן דעם רבי זי"ע, האט דאס טאהשער רבי געטוהן מיט די פולסטע דרגא פון ביטול. ווי אויך האט דער טאהשער רבי אלעמאל געגעבן א קוויטל בשמו ובשם אמו און זיך געזעגנט ביי אים, א זאך וואס ער האט כמעט פאר קיינעם נישט געטוהן.

אזוי אויך האט דער טאהשער רבי כסדר געבעטן פון אנשי שלומינו חסידי צאנז-קלויזענבורג אז מען זאל אים מזכיר זיין מיט'ן נאמען ביים רבי'ן. אסאך מאל ווען איינער האט געזאגט פאר'ן טאהשער רבי'ן אז ער פארט פונקט יעצט קיין יוניאן-סיטי, האט ער געבעטן אז מען זאל פאר אים לאזן שרייבן א קוויטל און דאס איבערגעבן פאר'ן צאנז-קלויזענבורגער רבי'ן.

"איך בעהט אייך, זייט מיר מזכיר ביים קלויזענבורגער רב, משולם פייש בן צירל - למען ה'!" האט דער טאהשער רבי געזאגט מערערע מאל צו אידן בלשון קדשו.

### הרבה למדתי מרבותי

דער טאהשער רבי האט געזאגט פאר עטליכע אידן: "אמונה האב איך זיך אויסגעלערנט פונעם צאנז-קלויזענבורגער רבי'ן. איך האב מיטגעהאלטן וויאזוי ער איז אהערגעקומען פון דייטשלאנד נאכ'ן קריג, נאכ'ן פארלירן זיין גאנצע משפחה און קהלה, און ער האט אנגעהויבן צו בויען אידישקייט מיט מסירות נפש, האב איך געזעהן דערפון אז מיט אמונה קען מען צו אלעס אנקומען!"

### ואתפלל בעדו

האדמו"ר מטאהש זצ"ל איז געווען זייער שטארק אדוק אין כ"ק מרן רבינו הגה"ק זי"ע, שטארק דבוק, שטארק מקושר און שטארק בידידות. גרויס קירבות האט געהערשט צווישן די צוויי צדיקים. דער טאהשער רבי פלעגט



כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
בביקור אצל כ"ק האדמו"ר מטאהש זצ"ל

אלעמאל אינזין האבן דעם רבי זי"ע.

פאר צענדליגע מענטשן האט זיך דער טאהשער רבי אויסגעדרוקט: "יעדן טאג ביים דאווענען האב איך אינזין דעם קלויזענבורגער רבי'ן, אז ער זאל זיין געזונט און ער זאל האבן אריכות ימים!

אזוי אויך האט דער רבי געזאגט פאר אידן, בעיקר פאר אסאך אנשי שלומינו: "איך געב יעדן טאג צדקה פאר'ן קלויזענבורגער רבי'נס מוסדות, און איך האב אים אינזין דערמיט! פאר געוויסע אידן האט דער רבי געזאגט דעם אויסדרוק מיט אביסל מער צו זיך: "יעדן טאג פאר'ן דאווענען בין איך זיך מקשר מיט'ן קלויזענבורגער רבי'ן זאל-זיין-געזונט, דורכן ארייגלייגן געלט אין זיין פושקע!"

דער טאהשער רבי האט דאס אפילו איינמאל געזאגט פאר'ן רבי זי"ע אליין: "יעדן טאג פאר'ן דאווענען, בין איך זיך מקשר מיט'ן רבי'ן!

אמאל האט דער טאהשער רבי געזאגט פאר איינעם אביסל א שטארקערע לשון: "איך רייס איין בתפלה אז דער קלויזענבורגער רב זאל זיין געזונט. איך האב אים אינזין יעדן טאג ביים דאווענען און איך געב צדקה יעדן טאג פאר זיינע מוסדות, לזכותו!

### לי הכסף ולי הזהב נאום ה'

דער טאהשער רבי זצוק"ל האט דערציילט אמאל, אז כ"ק מרן רבינו הגה"ק זי"ע איז געווען פון די איינציגסטע רבנים וועלכע האבן ארייגעבלאזן אין אים חיזוק מייסד צו זיין און אויפבויען דאס שטעטל 'קרית טאהש'.

די מעשה איז צוגעגאנגען אזוי. דער טאהשער רבי איז דאן ארומגעגאנגען צו עטליכע רבנים זיך שואל-עצה זיין און מקבל צו זיין ברכות הצדיקים. צו בויען א שטעטל אין יענע יארן האט אויסגעזעהן ווי א וויסטער חלום. דער טאהשער רבי איז דאן געווען א יונגערמאן און אזא אונטערנעמונג איז געווען א גרויסע ריזיקע. געווען טאקע אסאך וועלכע האבן אפגערעדט דעם טאהשער רבי פון אריינצוטאנצן אין אזא גרויסן פראיעקט. אסאך האבן דאס אוועקגעמאכט. אבער ער שרעקט זיך נישט, נאר אדרבה, 'ויגבה לבו בדרכי ה''.

ווען דער טאהשער רבי זצ"ל האט מציע געווען פאר'ן רבי'ן זי"ע זיין הייליגן פלאן און אונטערנעמונג איבער בויען א נייער יישוב, א נייער שטעטל, האט ער געפרעגט דעם טאהשער רבי'ן: "פון וואו קלערט איר צו נעמען דאס געלט? אזא פראיעקט קאסט דאך א געוואלד מיט געלט?!"

האדמו"ר מטאהש: "איך האב גענוג געלט!"

רביה"ק זי"ע: "אפילו אזויפיהל וואס פאדערט זיך צו קענען אהערשטעלן א נייער געגנט אנגעפאנגען פון אל"ף?"

האדמו"ר מטאהש: "יא!"

רביה"ק זי"ע: "פון וואו?"

האדמו"ר מטאהש: "איך האב איינער וואס געבט מיר געלט!"

רביה"ק זי"ע: "איך פארשטיי. אבער איינער קען אייך געבן אזויפיהל אויפאיינמאל?"

האדמו"ר מטאהש: "יא!"

רביה"ק זי"ע: "וואס הייסט, ער האט דען אזויפיהל צו געבן?"

האדמו"ר מטאהש: "יא!"

רביה"ק זי"ע: "ווער איז דאס?"

האדמו"ר מטאהש: " אֶה, ער געבט מיר אלעמאל געלט. וויפיהל איך דארף נאר, געבט ער מיר. נישט נאר פאר מיר געבט ער, נאר פאר יעדן איינעם. ער האט מיר געהאלפן ביז יעצט מיט אלעמען, ער וועט מיר ווייטער העלפן מיט'ן אויפבויען דאס שטעטל! ער געבט בהרחבה גדולה... עד הנה עזרונו רחמיך ולא עזבונו חסדיך, ואל תטשנו לנצח!"...

ווען רבינו זי"ע האט געזעהן די פעלזן-פעסטן אמונה וואס דער טאהשער רבי, האט

אינעם הייליגן באשעפער, הזן ומפרנס לכל, בכל עת ובכל שעה, האט ער געזאגט צום טאהשער רבי'ן מיט דברי חיזוק: "איך זעה אז איר מיינט דאס ערנסט! און ערליכער איד רעדט אזוי! גייט און באגליקט! דער אויבערשטער וועט אייך זיכער העלפן בזכות אייער אמונה און בזכות אייערע הייליגע אבות הקדושים, אז איר וועט שטארק מצליח זיין!" און צוגאב צו דעם האט ער געוואונטשן דעם טאהשער רבי'ן א לענגערע ווארימע ברכה.

## לחקוק במח עבודת הצדיק

אום חול-המועד-פסח שנת תשל"ו [אדער תשל"ז], האט האדמו"ר מטאהש זי"ע אריין גערופן זיין זוהן ה"ה האדמו"ר מטאהש שליט"א, אזוי אויך הרה"ח ר' שלום מיכל ארגעל הי"ו, און זאגט זיי: "איך האב געדונגען א מענטש מיט א קאר, וואס זאל ענק נעמען קיין יוניאן-סיטי. פארט ארויס בשלום און קומט דערנאך צוריק בשלום".

ווי א חידה-סתומה זענען געווען די דאזיגע ווערטער. 'וואס איז יעצט? פארוואס פארט מען?' נאך איידער מען האט געקענט פרעגן א ווארט, האט זיך דער טאהשער רבי אנגערופן: "איך וויל ענק זאלן מיטהאלטן דאס דאווענען פונעם קלויזענבורגער רבי'ן, ענק זאלן זעהן די עבודה פון א פריערדיגן צדיק!"

דער טאהשער רבי האט צוגעאיילט און געזאגט: "ענק קענען שוין ארויספארן, ווארטס נישט אויף גארנישט, קוקטס זיך גוט צו צו די עבודה, און דאן קומט צוריק!"

דערציילט ר' שלום מיכל: מיר זענען אנגעקומען קיין יוניאן-סיטי מיטאג צייט און דער צאנז-קלויזענבורגער רבי האט דעמאלט אנגעפאנגען דאווענען. עס איז געווען מורא'דיג, פלאי פלאים. מיר זענען נישט געווען צוגעוואוינט צו זעהן אזא עבודת התפלה. ער האט געדאווענט מיט אזא השתפכות-הנפש, מיט אזא ווארימקייט און זיסקייט, יעדעס שטיקל און יעדעס ווארט האט ער געזאגט מיט טרערן און געזאנג אינאיינעם. בכי ושירות. ער האט געטייטשט די ווערטער אויף מאמע-לשון אידיש, אויף אזויפיהל מהלכים, "חנון ורחום ה' – דערבארעמדיגער טאטע, זיסער טאטע, ווילאנג נאך, ווילאנג נאך!" און אזוי די גאנצע דאווענען מיט גרויס התעוררות.

ווען ער האט געהאלטן ביי ישתבח, האט ער אזוי ווי אויסגעשטרעקט זיין האנט. מיר האבן נישט געוואוסט וואס דאס מיינט, אבער די משמשים האבן שוין פארשטאנען דעם רמז, און זיי האבן אריינגעלייגט א 'טאבלעט' (פי"ל בלע"ז) אין זיין מויל, אונטער'ן צונג. אזוי איז צוגעגאנגען דעם גאנצן דאווענען מיט מסירות נפש'דיגע כוחות און מיט אן אויסערגעווענליכע נעימות.

ווען מיר זענען צוריק אהיימגעקומען



כ"ק מרן רביה"ק זי"ע
בשיעור חורש"י במאנטריאל תשי"ט
נראה מימין כ"ק האדמו"ר מטאהש זצ"ל

קיין טאהש, האט אונז דער טאהשער רבי אויסגעפרעגט פונקטליך וויאזוי עס איז געווען די עבודה זיינע; וואס מיר האבן געזעהן; וואס דער צאנז-קלויזענבורגער רבי האט געזאגט; און וויאזוי ער האט געדאווענט.

בשעת ווען מיר האבן אלעס איבערדערציילט פאר'ן טאהשער רבי'ן, האט ער ממש אויפגעשיינט. ער האט געשלונגען יעדעס ווארט וואס מיר האבן דערציילט, עס האט אויסגעזעהן ווי ער שעפט הויפנס הויפנס פון חיות דקדושה. דער טאהשער רבי איז געווען מלא התרגשות און זיך אנגערופן צו בנו חביבו האדמו"ר מטאהש שליט"א, כמעט מיט'ן זעלבן לשון וואס דער טאהשער רבי האט געזאגט אויפ'ן וועג אהין: "מיין קינד, זאלסט ביי דיר אריינלייגן אין קעפעלע די עבודה פון א פריערדיגן צדיק!"

## בעבותות האהבה וביותרת הכבוד

גאר אסאך אידן געדענקען דעם באזוך וואס האדמו"ר מטאהש זצוק"ל האט אפגעשטאט אין יוניאן-סיטי ביים כ"ק מרן רביה"ק זי"ע מיטוואך פרשת תזריע-טהרה, כ"ח ניסן שנת תשל"ט.

עס איז געווען זייער אן אנגענעמער באזוך. די הערצה פן רבינו זי"ע איז געווען זייער שטארק. עס האט זיך ארויסגעזעהן זיין שטארקע שעצונג און ליבשאפט וואס ער האט כלפי טאהשער רבי'ן. ער האט דעם טאהשער רבי'ן זייער שיין מכבד געווען.

מיטוואך תז"מ איז דער טאהשער רבי ארויסגעפארן פון וויליאמסבורג, דער וועג קיין יוניאן-סיטי האט געדויערט זייער לאנג. עס איז געווען אסאך טרעפיק. דער רבי זי"ע האט נאכנישט געהאט געדאווענט קיין מנחה און ער האט די גאנצע צייט אויסגעווארט אויפ'ן טאהשער רבי'ן מיט גרויס כבוד.

גאנץ שפעט איז דער טאהשער רבי אנגעקומען צום באזוך, עס איז שוין געווען נענטער צום נאכט ווי צו טאג. דער גאנצע באזוך איז נישט געווען צו לאנג, בערך א פערטל שעה, אבער מיט גאר גרויס ידידות און חביבות. מען האט געקענט זעהן אויפ'ן רבי'ן זי"ע אז עס איז אים זייער באקוועם צו זיין מיט'ן טאהשער רבי'ן. ער איז געזעסן אזוי אנגעלאנט מיט א רואיגקייט אזוי ווי אלטע ידידים. דעם שמייכל וואס איז געווען אויף זיין פנים איז געווען באנפין נהירין. ער האט געקוקט אויפ'ן טאהשער רבי'ן, גערעדט מיט כבוד, עהרע און שעצונג. ער האט אויפגענומען דעם טאהשער רבי'ן זייער היימיש און ווארעם. דער גאנצע צוגאנג איז געווען זייער שיין, בסבר פנים יפות.

עטליכע אנוועזנדע געבן איבער דעם תוכן פונעם שיחת-הקודש: דער רבי זי"ע האט אנגעהויבן, אז ער האט בקבלה פון זיין זיידן, דער גארליצער רב, וואס ער האט דאס בקבלה פון הרה"ק החוזה מלובלין זי"ע [בדרך צחות], אז די היינטיגע רבי'ס זענען מתפלל אז משיח זאל נישט קומען, ווייל ווען משיח וועט קומען, וועט מען זעהן ווער זיי זענען באמת...

און דער רבי זי"ע האט צוגעענדיגט בלשון קדשו: "איך בין מאמין באמונה שלימה, אז דער טאהשער רב האט דער רבי פון לובלין נישט געמיינט!"

דער שמועס האט זיך געצויגן ווייטער איבער ביאת משיח. האט מען אויך גערעדט איבער די געוואלדיגע צפייה לגאולה פונעם הייליגן ישמח משה זי"ע. אינמיטן האט האדמו"ר מטאהש זצ"ל געזאגט פאר כ"ק מרן רבינו זי"ע: "דער רבי דארף מתפלל זיין אז משיח זאל שוין קומען! דער רבי זאל שוין אויס'פועל'ן די ישועה!"

האט דער רבי זי"ע דערציילט אז הרה"ק בעל הישמח משה מאוהעל זי"ע האט אמאל געזאגט: "איך קען א שם, וואס אויב מען האט דאס אינזינען, קומט באלד משיח. אויב אזוי, פארוואס בין איך דאס נישט מכוון? ווייל איך האב געמאכט א חשבון אז דער הייליגער באשעפער קען זיכער אויך דעם שם און דאך האט ער דאס נישט אינזין, זאל איך דאס אינזין האבן?!" האט דער רבי זי"ע אויסגעפירט מיט א שמייכל: "און דאס איז דער אמת'ער פשט אין די גמרא 'שלא ידחקו את הקץ'. עס גייט ארויף אויף די צדיקים וועלכע האבן א כח אין הימל מקרב צו זיין די גאולה שלימה דורך מכוון זיין געוויסע שמות הק' אדער אייצורייסן ביים בוכ"ע מיט עקשנות, דאס זאלן זיי נישט טוהן פאר די צייט".

דער טאהשער רבי האט געפרעגט דעם רבי זי"ע: "און וויאזוי שפירט זיך דער רבי?"

"איך האב יסורים. שטארקע קאפ-ווייי און הארץ-ווייי. אויך בין איך זייער אפגעשוואכט, עס שטערט מיר פון דאווענען און לערנען" - האט ער אים געענטפערט.

האט דער טאהשער רבי מציע געווען פאר רבינו זי"ע אז ער זאל עסן געזונטע זאכן, ווי למשל אוואקאדא. "עס איז זייער געזונט פאר

המשך בעמוד הבא

# מהנעשה והנשמע

## תנו כבוד לתורה

**מאנסי** - ביום ה' פר' ואתחנן העעל"ט איז פארגעקומען א הערליכע מעמד כבוד התורה 'שעשועי' פאר תלמידי ישיבתינו הק' לצעירים 'שפע חיים' צאנז קלויזענבורג אין מאנסי, די תלמידים זענען געזעסן און געלערנט מיט גרויס חשק און ברען דורכאויס דאס יאר און יעצט איז געקומען די צייט פון נוצר תאנה יאכל פרי' נאכדעם וואס די חשוב'ע בחורים זענען געווען זורעים בדמעה דורכאויס דאס יאר מיט א פלייס און פלאקער און האבן יעצט קוצר געווען ברנה במעמד גדול זו, דער גרויסער מעמד איז פארגעקומען בהשתתפות הורי התלמידים וצוות הישיבה אין שפיץ פון רבני אנ"ש, עס האט געעפנט דעם מעמד הרה"ג ר' וועלוול גאלדמאן שליט"א מנהל הישיבה, ער האט ארויסגעברענגט דאס חשיבות פון די בחורים און זייערע התמדה בתורה אשר מים רבים לא יכלו לכבות את האהבה, די מנהל שליט"א האט צוגעלייגט אז



מרן רבינו שליט"א נשיא הישיבה פרעגט זיך כסדר נאך אויף די ישיבה, סיי בכלליות און סיי אויף די בחורים בפרטיות, על כל פרט ופרט, און איז זייער צופרידן הערענדיג די כסדר'דיגע גוטע גרוסן, דערנאך האט אויפגעטראטן בדבר ההורים בנש"ק הרה"ג רבי יהושע אשר רבינוביץ שליט"א נכד הגה"צ רבי בנימין רבינוביץ זצ"ל חבר ביד"ץ העדה החרדית ור"מ בישיבת בית דוד, רי"א שליט"א האט אויפגעפלאקערט די הערצער פון די עלטערן מיט א חינוך שמועס גאר רייך און באלערנד איבער די וויכטיגקייט פון דעם קשר צווישן דעם טאטע און די מגי"ש, ובתוך דבריו האט ער דערמאנט ווי אזוי דער עיקר חינוך איז דאס וואס מען זעהט ביי די עלטערן אזוי ווי ער האט דאס מיטגעהאלטן בחוש צוזעענדיג בעיניו תפילותיו הזכות ושיעורי החורש"י פון רביה"ק זי"ע ווען זיין טאטע האט איהם אהינגעברענגט בשעת די רבי ז"ל איז געווען צוגאסט אין ירושלים און ווען ער וויל זיך מעורר זיין דערמאנט ער זיך פון דעם און דארף שוין גארנישט מער, דערנאך האט ער צוגעלייגט אז וועגן דעם האט ער אויסגעוועלט צו שיקן אין ישיבה שפע חיים און ווי ער האט זיך טאקע אויפגעוויזן צוזעענדיג די התמדה פון די בחורים און די בא'חן'טע איידלקייט וואס איז אויסגעגאסן אויף זייערע פנים'ער.



דערנאך האט הבה"ח ישראל דוב גרשון ב"ר ברוך אשר רייך הי"ו מסיים געווען מסכת קידושין און הבה"ח דוד ב"ר הערשל גוטמאן הי"ו האט מסיים געווען מסכת ראש השנה וואס איז באגלייט געווארן מיט ריקודין של שמחה בניגוני שמחת התורה, דערנאך האט דער לאנגיעריגער מגי"ש הרה"ג ר' אלימלך ווייס שליט"א אויפגעטראטן ארומרעדנדיג בשבח פון די חשוב'ע אויסגערופענע מגידי שיעור וואס זענען דמויות דוגמא פאר די חשוב'ע בחורים און ווערן באגלייט מיט דאס ווארעמקייט און איבערגעגעבנקייט פון די חשוב'ע הנהלה גשמי פון די ישיבה וואס יומם ולילה לא ישבותו למען הצלחת הישיבה, דערנאך האט אויפגעטראטן הגה"צ ר' ברוך מאסקוויטש שליט"א אב"ד יאמפאלא וואס האט ארויסגעברענגט בשבח הקהילה וואוינענדיג נעבן איינס פון בתי מדרשינו אין שטאט, דאס קומט אלס בשבח אותו זקן כ"ק מרן רביה"ק זי"ע וואס האט כסדר ארומגערעדט אויף יעדע נושא אין אידישקייט ללא שת הרף, און טאקע די תלמידים ווייטער תחת דגלו פונעם משיך מרן רבינו שליט"א פירן זיך ווייטער על דרך זו און אוודאי די ישיבה וואס איז נקראת על שמו פון רביה"ק זי"ע פירט זיך אויך ווייטער אזוי, דער מנהל שליט"א האט דערנאך אויסגעטיילט די תעודות פאר די חשוב'ע בחורים וואס האבן



אריינגעהארעוועט דורכאויס דאס יאר און יעצט מצליח געווען זיך צו פארהערן און קענעןביידע מסכתות וואס מען האט דאס יאר געלערנט גמרא רש"י ותוס', און אלע בחורים האבן באקומען א טייערע מתנה, א זילבערנע בעכער, מיט'ן נאמען ארויפגעקרוצט, א ספעציעלע מתנת שי והערכה צוגעשטעלט מטעם הנהלת הישיבה לכבוד די אויסגערופענע התמדה פון די חשוב'ע בחורים דורכאויס דעם שנת הלימודים העעל"ט.

## אז ירננו עצי היער

**מחנה ישיבות צאנז** – אזוי ווי רבינו זי"ע האט איינגעפירט געפינען זיך יעצט די חשוב'ע בחורים בחורי הישיבות פון בארא פארק אויפ'ן בערג אין וואודבורן אין א דערהויבענע אטמעספערע אהן די רוישיגע וועלט און די גאנצע וועזן איז איין שטיק רוחניות, אט דאס פלאץ איז א מקום מוכשר זיך צו עפענען און זיין כלי מחזיק ברכה צוצוהערן און זיך אנווארעמען בעבודת ה' דורך חשוב'ע בעלי דרשנים, די וואך העעל"ט האט אויפגעטראטן אין היכל המתיבתא אין וואודבורן הרה"ג ר' יואל טייטלבוים שליט"א ר"מ בישיבת ראחמיסטריווקא וואס האט אנגעווארעמט די בחורים בעבודת השם יתברך, אין די ישיבה לצעירים בארא פארק וואס געפונט זיך יעצט אויך אין מחנה ישיבות צאנז האט אויפגעטראטן כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א מחשובי תלמידי ישיבה שארית הפליטה וואס האט אויפגעטראטן גאר א שיינע שמועס פון עובדות וסיפורים איבער רביה"ק זי"ע וואס ער גדענקט אליינס און וואס זיין טאטע ז"ל מחשובי מתפללי בית מדרשינו בוויליאמסבורג האט איהם איבערגעגעבן, די דרשה האט געמאכט פליגלען און איז געווארן באגריסט פון אסאך צוהערער פון קול צאנז קלויזענבורג און נאך אסאך האטליינס איבער די וועלט וואס האבן ארויפגעלייגט די טרעפליכע דרשה.




## כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א טרעט אויף אין היכל ישיבתינו הק' לצעירים אין מחנה ישיבות צאנז







## די קאמענד צענטער פונעם מגבית 'לשם ולתפארת' לטובת בנין בית מדרשינו הגדול במרכז העיר מאנסי















# שמחות ואירועי השבוע

פרשת ראה

## אב תשפ"א Aug. 2021

| | | |
|---|---|---|
| זונטאג | כג | 1 |
| מאנטאג | כד | 2 |
| דינסטאג | כה | 3 |
| מיטוואך | כו | 4 |
| דאנערשטאג | כז | 5 |
| ערש"ק | כח | 6 |
| שב"ק | כט | 7 |

א שליח מיוחד וועט מתפלל זיין פאר תומכי מוסדותינו הקדושים ביי כותל המערבי
צו מזכיר זיין אייער נאמען רופט שוין קופת הקודש ליין:
845-834-SANZ (7269) #4

**ראה - מבה"ח**
אבות פרק ה
המולד: יום ראשון 4:43 לפנ"ב, 10 חלקים

| הדלק"נ | |
|---|---|
| ברוקלין...... | 7:47 |
| מאנסי......... | 7:48 |
| לעיקוואד... | 7:46 |

| מוצש"ק | |
|---|---|
| ברוקלין...... | 9:15 |
| מאנסי......... | 9:17 |
| לעיקוואד... | 9:15 |



"קופת הקודש" טלפון ליין
845-834 - SANZ (7269)

צו **מיטטיילן אייער שמחה,**
זייט אייך מקשר צו קופת הקודש

TELL **845-834-7269**
EMAIL kh**124056**@gmail.com

## ספורי אות ומופת

אינטערסאנטע געשיכטעס איבער וואונדערליכע ישועות

### צדיק באמונתו יחיה

פארגאנגענע וואך האב איך געדארפט עפעס ערלעדיגן אינעם געגנט פון דאון-טאון ברוקלין, נאכן ענדיגן וואס איך האב געדאפט מסדר זיין האב איך גערופן א קאר סערוויס זאל מיר אהיים נעמען, אבער די דיספעטשער זאגט מיר אז ער האט נישט קיין קארס אין דעם געגנט. האב איך גערופן אן אנדערע קאמפעני, אבער אויך ער זאגט מיט אז ער וועט נאר האבן אין 15 מינוט ארום. עס איז שוין אריבער א האלבע שעה און די קאר איז נאכנישט אנגעקומען, האב איך שוין פארשטאנען אז איך וועל מוזן זיכן א טעקסי דא אינעם געגנט.

גיי איך ארויס אויפן הויפט גאס און איךווארט אז א טעקסי זאל אדורך פארן, איך ווארט און איך ווארט, אבער גארנישט, קיינער שטעלט זיך נישט אפ. האב איך צוגעזאגט א דאלער פאר קופת הקודש פושקע מיט בטחון אז דאס וועט שנעל ברענגען א קאר זאל מיר אהיים נעמען בשלום. איך ווארט נאך פינעף מינוט און נאך פינעף מינוט אבער ס'גייט נישט, קיינער שטעלט זיך נישט אפ פאר אונז.

טראכט איך צו מיר אז אפשר איז מיין אמונה אין די מצות צדקה נישט גענוג שטארק. האב איך זיך גלייך אנגעפאנגען מחזק זיין מיטן גאנצן כח אין אמונה און בטחון אונעם בורא עולם אז די כח פון צדקה נעמט ארויס א מענטש פון יעדע פראבלעם און מצב פון וואו ער געפינט זיך, און אז רבי מאיר בעל הנס גייט פועל'ן פאר מיר און ברענגען א קאר וואס זאל מיר אהיים נעמען בקרוב.

עס גייט נישט אריבער קיין מינוט און א קאר שטעלט זיך אפ, און די דרייווער שרייט ארויס "קאר סערוויס". ביז געציילטע מינוטן זענען מיר שוין געווען אינדערהיים בשלום ובשלוה. ללמדנו בא – אז א איד דארף האבן די ריכטיגע אמונה אין די כח פון צדקה אז עס העלפט יעדע איד בכל עת ועידן, איך האב געדאנקט די באשעפער פארן מיר געבן די לעקציע אין מצות צדקה, און איך פארשפרייט עס דא כדי אנדערע אידן אנשי שלומינו זאלן זיך קענען אינאיינעם מחזק זיין אין אמונה ובטחון בה'.

י. ז. – בארא פארק

**האט איר געהאט א מופת?**
**האט איר געזען א ישועה?**
**טיילט עס מיט מיט אנדערע!**
**845-834-7269**

## אמרי קודש

קורצע מאמרים איבער די גרויסקייט פון צדקת ארץ ישראל

ודי בהערה זו לעורר את לבב בני ישראל, למען יהיו נזהרים במצוה הזאת כי רבה היא, ויחשב להם כהקבלת פני השכינה, ויכולה היא שתגן עליהם להצילם מעניות ודלות ומטלטול וגלות, ובפרט להשגיח על עניי אלהזהר בכבודם, ולהראות להם פנים צהובות.

(מתוך מדבש, פרק א')

צדקת ארץ ישראל
קופת הקודש
צאנז קלויזענבורג
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

בתי מדרשים לתורה ולתפילה
רשת כוללי דברי יציב
ארגון ח"ן וחסד
מפעלות להסידות לאברכים ובחורים

1 מערכת אוטמטית – צו תורם זיין 24 שעה ארטומטיש
2 קופת הקודש – צוקומען צום אפיס
3 והריקותי לכם ברכה – אריסצולייגן און באשטעלן פושקעס
4 קו הישועות – שיקן נעמען צו מתפלל ביי מקומות הק'
5 תורת ארץ ישראל – אנטייל נעמען אין החזקת הכוללים
6 ירושלים על ראש שמחתי – מנדב זיין לכבוד א שמחה
7 ארגון ח"ן וחסד – נעמען א חלק אין פעולות החסד
8 כוס ישועות – אריינשיקן א מופת פאר די מערכת
9 לאזן א VOICEMAIL

845.
834.
SANZ
7 2 6 9

## קהלות הקודש ורשת מוסדות התורה החינוך והחסד דחסידי צאנז קלויזענבורג

ארה"ב • ארה"ק • אייראפע

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

אלמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ

בס"ד, ערש"ק ואתחנן – שבת נחמו
ט"ו אב יומא דהילולא של רביה"ק מרודניק זי"ע

### וְכָתַב לוֹ אֶת מִשְׁנֵ"ה הַתּוֹרָה הַזֹּאת

רש"י: שתי ספרי תורות
(דברים יז, יח)

בשמחה רבה הננו בזה להודיע,לקהל הקודש, אנ"ש די בכל אתר ואתר הע"י,
אשר בעזהשי"ת, בימים אלו מתחיל אבינו רועינו, עטרת ראשינו ותפארתינו,

# כבוד קדושת מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## בכתיבת
# שני ספרי תורה

**הראשונה**

לזכר עולם יהיה צדיק הדורות, אביר הרועים, שר התורה והיראה רשכבה"ג

**רבינו הקדוש מרנא ורבנא יקותיאל יהודה זצוקללה"ה**
**בן הרה"ק רבי צבי זצוק"ל**

**והשניה**

לזכרה ולעילוי נשמתה של מחברתו הטהורה, אמה של מלכות

**הרבנית הצדקנית מרת חיה נחמה ע"ה**
**בת הגה"ק רבי שמואל דוד הלוי זצוק"ל**

**ובעזהשי"ת נזכה לברך על המוגמ"ר, בשני כתובי"ם הבאים כאחד**

**בהשתתפות כלל אנ"ש היקרים והאהובים שיחיו, תלמידים וחסידים הנקראים בנים,**
**הזוכים להסתופף בצל הקודש ולשאוב מבאר מים חיי"ם, ברו"ח ובגש"ם**

## א שותף מיטן רבי'ן!

**צו בויען די הייליגע מוסדות צאנז קלויזענבורג**
**בארה"ק ובחו"ל**
**וואס אנטוויקלט זיך מיט גרויס הצלחה, בזכותו של אותו זקן,**
**מרן רבינו הקדוש זי"ע, שמסר נפשו על התורה**

והננו בזה לבשר טוב, אשר בעזהשי"ת, תינתן הזדמנות לכאו"א מאנ"ש ברחבי תבל

**לזכות ולהיות 'שותף נאמן' עם מרן רבינו הגה"ק שליט"א**
**לכתיבת שני ספרי תורה • ולהקים קרן למוסדותינו הק'**

כמו שצוה רביה"ק זי"ע בצוואתו הק' 'קרן לתורה ולחסד' 'קרן מהר"ץ' ו'קרן רחמי"ם'
ע"ש רביה"ק מרודניק זי"ע והרבנית הצדיקת מרודניק ע"ה

הזכות להיכתב בספר החיי"ם

## אות לדורותיכם

**אות לראש משפחה שיחי' לכה"פ $1,000**

**אות לכל בני המשפחה בביתו לכה"פ $1,800**

וינתן גם הזדמנות, לנדיבי עם ותומכי תורה

**לקנות ולהנציח זכותים, בקניית עמודים, פרשיות וכד'**

**נא לפנות אל: הרב שלום אליהו פעלבערבוים שליט"א**
מנהל רוחני בת"ת במוסדוה"ק בבארא פארק
**917-652-9436**

זכותו הגדולה של כ"ק מרן רביה"ק זי"ע שכתב בצוואתו הק': **'ותמיד אמליץ עבורכם לטובה ולברכה'**
יחד עם ברכת קדשו של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א תעמוד בעדכם להתברך בכל מילי דמיטב,
שפע חיי"ם וברכות טוב, בבני בריכי, חיי אריכי ומזוני רוויחי, אנס"ו

**הנהלת הקהילה     וועד כתיבת ספרי התורה**